STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11155

VIAZOY DI FEYGELEKH HOBN GELERNT HUMESH

Eliezer Steinbarg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר שטיינבאַרג

וויאַזוי די פייגעלעך האָבן געלערנט חומש

אַרויסגעגעבן פונעם יידישן קולטור קרײַז „י. ל. פּרץ"
יאַס — 1948

אַ גרוס צו די יידישע קינדער
פֿון דער גאָרער וועלט.

יידישער קולטור קרייַז
„י. ל. פרץ" - יאַס

אליעזר שטיינבאַרג

אַ וואָרט צו די גרויסע

מיר זענען דער לעצטער דור וואָס האָט נאָך פֿאַרכאַפּט דאָס יידישע שטעטל, ווו באַשיצט און באַוואַכט פֿונעם רויטן שמחת תורה-עפּל און פֿונעם גראַגער, האָט זיך אויסגעשפּרייט דער יידישקייט-תחום פֿונעם קינד. דאָרט האָט זיך דאָס יידישע קינד באַגעגנט און געלעבט מיט אַלע דורות יידן. די צײַט איז כמעט אָפּגעשאַפֿן געוואָרן, יעדער יום טוב האָט זיך געהאַט זײַן אייגענעם ספּעציפֿישן טעם, זײַנע ספּעציפֿישע ניואַנס-געפֿילן, די אייגענע במשך פֿון דורות.

דער גזר פֿון דער געשיכטע האָט אומפֿאַרמײַדלעך פֿאַרמשפּט דאָס שטעטל. אויב דער דערוואַקסענער שעפּט זײַן יידישקייט פֿון די קאַרגע קלומעקעס פֿון דערינערונג, איז אָבער דער יידישקייט-תחום פֿון אונדזער קינד געבליבן אינגאַנצן אומבאַשיצט; אויב דער שטח פֿון די דערוואַקסענע ווערט טאָג-טעגלעך אײַנגעשרומפּענער, האָט, ביים הײַנטצײַטיקן יידישן קינד, אַפֿילו ניט וואָס אײַנגעשרומפּן צו ווערן.

די מסוכנקייט פֿון דער לאַגע, אָט-די כלו כל הקצינדיקייט זענען אַן אָנזאָג פֿון אַ קץ. ביז עס וועט קומען דער „במקום" מוזן מיר אָבער זאָרגן אַז דער „קץ" זאָל נאָך עמעצן געפֿינען. אויב די היימישע באַגלײַטער פֿון דער יידישער קינדהייט — „חומש און רש"י", זענען געבליבן, אינאיינעם מיט דער שמחת תורה-פֿאָן און מיט די אַלע סימבאָלן פֿון דער פֿאַרצײַטיקער יידישקייט, אונטער די חורבות פֿונעם שטעטל, דאַרפֿן מיר געפֿינען אַנדערע אופֿנים. דאַרפֿן מיר אויסהאַקן נײַע וועגן כדי ווידערדעראָבערן אַ שטיקל פּלאַץ אין דער נשמה פֿונעם יידישן קינד. און ווײַל דאָס לעבן, דער וווּנדערבאַרער בהיסח הדעת-אַרכיטעקט, האָט אויפֿגעהערט בויען פֿאַר אונדז, מוזן מיר אָנשטרענגען די כוחות צו וועקן בײַ אונדזערע קינדער די מאָנונג אויסצופֿולן דעם גרויסן בלויז וואָס דער חורבן פֿון דעם פֿאַרצײַטיקן לעבנסשטייגער האָט געלאָזט, און לרוב מוז דאָס אָנהייבן מיט דער דערמאָנונג, ראשית-כל בײַ „די גרויסע", אַז אַזאַ בלויז איז פֿאַראַן...

אליעזר שטיינבאַרגס מעשהלע איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו זײַן דער אַוואַנגאַרד פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין דער נשמה פֿון דעם קליינעם יידי. וועט איר געלונגען צו פֿאַרנעמען די פּאָזיציע, מעגן מיר זיכער זײַן אַז

זי וועט זיך געפֿינען אין גאָר געטרײַע און גוטע הענט. אליעזר שטיינבאַרג האָט מיט זײַן גאַנצן וועזן געוואָרצלט אין דער פֿאַרצײַטיקער יידישקייט. מע שפּירט, הן פֿון זײַן טעמאַטיק, הן פֿון זײַן מעטאַפֿאָר און סימבאָליק, אַז זײַן פּען גרייכט טאַקע דעם דנאָ פֿונעם גרויסן טינטער; עס פֿילט זיך אַפֿילו אין זײַן ווערטער־אויסלעג און אינעם בוי פֿון זײַן זאַץ די דורותלאַנג אַקומולירטע אָנשטרענגונג און לעבנס־פּאָטענץ.

דער האָריזאָנט פֿון אליעזר שטיינבאַרגס מעשה איז האַלב חלום, האַלב וואָרעס איז דער האָריזאָנט פֿונעם קינד, דער אוניווערז קעגן וועלכן די דערפֿאַרונג איז נאָך ניט באַגאַנגען איר שינוי מעשה בראשית־צאַמונג און אויף וועלכן ס׳איז חל די אור־יידישע צוועקמעסיקייט. און דערפֿאַר איז זי דער ראַויסטער שליח־ציבור וועגן אַט־דער שווערער ווידערדעראָבערונג...

אונדזער פֿראָנט איז אַ דאָפּלטער: אויפֿהאַלטן און פֿאַרשטאַרקן די איצטיקע פּאָזיציעס, זוכן דעם אויסוועג. געפֿינען דעם ריכטיקן שטייגער ווי דאָס לעבן גופֿא זאָל טראָגן די ציגל פֿאַר דעם בנין.

אין דער צײַט טאָרן מיר אָבער ניט אָנווערן דאָס קינד. מיט אים פֿאַרלירן מיר דעם איין אייציקן משכון וועגן אַן אייגענער צוקונפֿט.

אליעזר פֿרענקעל

וויאַזוי די פֿייגעלעך האָבן געלערנט חומש

א׳

קראַ, קראַ, קראַ!

— ווער מאַכט אַזוי?

— די קראָ.

— און פֿאַרוואָס שרײַט די קראָ: קראַ, קראַ? דאָס ווייסטו ניט, קינד? נו, וועל איך דיר דערציילן. קראַ, קראַ איז אויף פֿויגל־לשון, [ווי קראָ, קראָ אויף לשון־קודש: ליין, ליין, הייסט דאָס.

— און פֿאַרוואָס שרײַט די קראָ: ליין, ליין?

— ווײַל די קראָ איז דער רבי פֿון די פֿייגעלעך. שרײַט דער רבי: קראַ, קראַ, ליין, פֿייגעלע, ליין!

— און דערפֿאַר רופֿט מען די קראָ — ראָב, ווײַל ראָב הייסט רבי?

— יאָ, יאָ!

— און האָבן דען די פֿייגעלעך ביכעלעך?

— אַוודאי. נאָך וואָס פֿאַר אַ ביכעלעך! אַיעדער בוים, אַיעדעס ביימעלע איז אַ ביכעלע... אַ ביכעלע מיט בלעטעלעך...

— מיט גרינע בלעטעלעך?

— אמת!

— און האָבן דען די בלעטעלעך אותיות?

— אַוודאי. זאָלסטו טאַקע וויסן! נעם אַ בלעטעלע, קינד, אַ גרין בלעטעלע פֿון אַ ביימעלע און קוק זיך צו, וועסטו זען שטריכעלעך און פּאַסע־קלעך, דינע פּאַסעקלעך.

— טאַקע, טאַקע!

— נו, אָט! זענען די שטריכעלעך ניט גלאַט אַזוי שטריכעלעך און די פּאַסעקלעך ניט גלאַט אַזוי פּאַסעקלעך, פֿון יענע פּאַסעקלעך און דריידעלעך, וואָס דו טענטלסט צומאָל אַזוי זיך מיט דער פֿען, ניין, נאָר אותיות איז דאָס

גאָר! אמתע אותיות! אַמאָל האָבן מענטשן אויך אַזוינע אותיות געשריבן. „פֿלעקערכּתב" פֿלעגן זיי די אותיות רופֿן.

— נו, האָבן זיי דעמאָלט אויך דאָס כּתב פֿון די גרינע בלעטעלעך געקענט לייענען?

— ניין, קינד! דאָס כּתב פֿון די גרינע ביימעלעך איז גאָר אַ באַזונדער „פֿלעקערכּתב". מע זאָגט, ווער ס'איז גוט און פֿרום ווי אַ פֿייגעלע, קומט אים בײַנאַכט אַ מלאך צו חלום, אַ פּיצעלע מלאכל, ווי אַ פֿייגעלע די גרייס. „כּרוב" רופֿט מען עס, דאָס מלאכל, און סע לערנט אים אויס דאָס כּתב פֿון די גרינע בלעטעלעך צו לייענען.

— טאַקע?

— אַזוי זאָגט מען, און ווער סע קען די שריפֿט פֿון די גרינע בלעטעלעך לייענען, אַסך סודות, און גוטע זאַכן ווייסט ער צו דערציילן, זאַכן און סודות, וואָס נאָר די פֿייגעלעך ווייסן.

— נאָר די פֿייגעלעך?

— נאָר פֿייגעלעך! און אפֿשר נאָך פּיצעלעך קינדערלעך, וואָס זייגן דער מאַמעס מילעך און לאַכן פֿונעם שלאָף...

און אַזאַ מענטש, וואָס די פֿייגלשריפֿט קען ער לייענען, אַז ער שרײַבט, איז — כאָטש מיט אונדזערע אותיות שרײַבט ער, קומט בײַ אים אַלץ ווי בײַ די פֿייגעלעך אַרויס: קורצע שורהלעך, פּאַסעקלעך און שטריכעלעך און פּינטעלעך...

— בײַ מיר אין ביכעלע האָב איך טאַקע אַזוינע לידעלעך געזען.

— און איך אין אַן אַלט ספֿרל האָב אַזאַ מעשהלע געלייענט.

— וויל איך עס הערן?

— און אַז דו וועסט הערן, וועל איך דערציילן.

ב.

אַמאָל האָט דער ראָב, דער רבי פֿון די פֿייגעלעך אַ געשריי געטאָן: „קראַ, קראַ!" באַלד האָבן זיך די פֿייגעלעך אַרום אים אויף די צווײַגן פֿון אַן אַקאַציעבוים אַרומגעזעצט און דער רבי האָט צו די פּיצעלעך תּלמידימלעך אַזוי געזאָגט: „איצט, מײַנע פֿייגעלעך, וועלן מיר אָנהייבן חומש!"

„חומש, חומש, חומש!" האָבן די פֿייגעלעך געשריגן, און פֿאַר פֿרייד מיט די פֿליגעלעך געפּאַטשט.

— איך וועל אײַך דערציילן וויאַזוי די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן, וועט איר זיך דערקוויקן.

„קוויק, קוויק, קוויק, דערקוויק!" האָבן אַלע פֿייגעלעך מיטאַמאָל געקוויקעט.

און דער ראָב האָט דרײַ מאָל אַ פּיק אין צווײַג געטאָן, דעם זיסן אַקאַציעריח געשמעקט, און פּאַמעלעך, געלאַסן אַזוי אָנגעהויבן:

— מײַן זײדע, זכרונו לברכה, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געהערט פֿון זײַן עלטערזיידן, וואָס אַן אַלטער ביסיק האָט אים אַמאָל דערציילט.

דער אַלטער ביסיק איז אַמאָל אין אַ וואַלד נעבן טײַך חידקל געווען; דאָרטן ווו דער פֿויגל חול זיצט אויף אַ הויכן צעדערבוים און ציילט די שטערן. ווען ער וועט די שטערן איבערציילן, וועט ער וויסן וויפֿיל יאָר ער איז אַלט...

— חול? חול? וואָס הייסט אַזוינס חול?

— איך זאָג דאָך אײַך: דאָס איז אַזאַ פֿויגל וואָס לעבט אייביק; וואַקסט ער, וואַקסט, ביז ער וואַקסט צוריק, און אַז ער ווערט שוין גאָר קליין, גייט פֿון זײַן נעסט אַ פֿײַערל אַרויס און פֿאַרברענט אים אויף אַש. בלײַבט פֿון אים אַ קליין אייעלע. פֿונעם אייעלע פּיקט זיך אויס אַ נײַער חול; און אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן עק...

— פּי, פּי, פּי! שרײַען אויס די פֿייגעלעך, נו, נו, וואָס-זשע האָט ער דער חול, דערציילט?

דער ראָב טוט ווידער דרײַ פּיק אין צווײַג, שמעקט דרײַ מאָל דעם גע-שמאַקן אַקאַציערײח און זאָגט: איר ווייסט? די לבנה און דער פֿויגל חול זענען שוועסטער-און-ברודער. די לבנה לעבט אויכעט אייביק, וואַקסט און וואַקסט, און אַז זי וואַקסט שוין גאָר אויס, וואַקסט זי פּאַמעלעך צוריק, צוריק, און ווערט קלענער, קלענער, ביז אַ פֿײַערל גייט פֿון איר נעסט אַרויס און פֿאַרברענט זי אויף אַש. אויס לבנה! נאָר ניין! אַן אייעלע איז געבליבן. פּיקט זיך פֿונעם אייעלע ווידער אַ לבנה אויס, אַ יונגע, אַ שפּאָגלנײַע לבנה! זענען זי די פֿייגעלעך מחדש, שפּרינגען און טאַנצן קעגן איר און זיי זינגען:

ציר, ציר, ציר! ציר, ציר, ציר!
נײַע לבנה, קום צו מיר.
ציף, ציף! ציף, ציף, ציף!
כ'האָב אין האַרץ אַ לידל טיף.
קוויר, קוויר, קוויר! קוויר, קוויר, קוויר!
כ'וועל דאָס לידל זינגען דיר.

כאַפּן אונטער אַלע פֿייגעלעך.

— און זי ווערט אויכעט פֿאַרברענט, כאַפּט אונטער דער ראָב.

— און ווידעראַמאָל: פּיק, פּיק, פּיק! זינגט אַ פֿייגעלע טאַנצנדיק, ווידער אַ נײַע לבנה פּיקט זיך אויס!...

— ווי, פּי, פּי! ווי, פּי, פּי! וויפֿיל נײַע לבנות האָט שוין די וועלט מחדש געווען! זינגט אַ פֿייגעלע.

— נײַע, נײַע און אַלץ די אייגענע אַלטע, זאָגט דער ראָב. אָט פֿאַר-ברענט, אָט ווידער צוריק.

— טשעריק, טשעריק, טשעריק! טשעריק, טשעריק, טשעריק! פלאַפלען אַלע פייגעלעך פריילעך.

דער ראָב פאַרטראַכט זיך אַביסל און הייבט אָן וויַיטער: „אַ שוויַיגער איז ער, דער חול, אַ גרויסער שוויַיגער, וויַיל אַלט איז ער ווי דער וואַלד, און אַסך האָט ער זיך אָנגעהערט, און אַסך האָט ער זיך אָנגעזען, און אַלצדינג ווייסט ער, און ווער סע ווייסט אַלצדינג — דער שוויַיגט. נאָר ווען די פייגל זענען אַ נייַע לבנה מחדש, איז אויפן חול — אַ גוטע שעה, דעמאָלט נעמען זיך צו אים אַלע פייגעלעך פונעם וואַלד צונויף, און ביַי דער שיַין פון דער יונגער לבנה שיינע מעשהלעך דערציילט ער זיי. איינמאָל — און דער אַלטער ביסיק איז דערביַי געווען — האָט ער אַזאַ מעשהלע דערציילט"...

— ציף, ציף, שטיפ! שטיפ זיך נישט! ברוגזט זיך פלוצים איין פייגעלע אויפן אַנדערן, וואָס האָט זיך נענטער צוגעטוליעט.

— זיַי ניט ברוגז, ברודערל, איך וויל אויכעט הערן...

— פי, פי, פע! שריַיען אַנדערע, וואָס שלאָגט איר איבער?

— קריגט איַיך ניט פייגעלעך! זאָגט דער ראָב וויַיך, רוקט זיך צו נענטער: אָט אַזוי! גוט, גוט! נו הערט.

ג.

אַמאָל זענען מענטשן אויף אַ שיף איבערן גרויסן ים געפאָרן. פלוצים האָבן זיי אַ פויגל דערזען, דער קאָפּ אין הימל, די פיס אין ים און דאָס וואַסער ביז די קנעכל. האָבן זיי געוואָלט פון דער שיף שפּרינגען, באָדן זיך פאַרגלוסט זיי; געמיינט, ניט טיף, קנעכלוואַסער. פלוצים האָבן זיי אַ בת-קול דערהערט:

— היט איַיך! מיט זיבן יאָר צוריק האָט אַ האָלצהעקער דאָ האָלץ געהאַקט, איז דאָס האַקאַיַיזן אין וואַסער אַראָפּ; פאַלט עס, פאַלט, און עד-היום ביז צום גרונט ניט דערגאַנגען.

— טיף, טיף, טיף! גאַפן די פייגעלעך, אַזוי טיף?

— אַזוי טיף! זאָגט דער ראָב.

— אַזוי טיף, און קוים ביז די קנעכל? וווּנדערט זיך איינס.

— וואָס דער חידוש? ענטפערט דער רבי, יענער פויגל איז בר-יוחנא געווען! בר-יוחנא — געלויבט איז ער און געלויבט איז זיַין נאָמען — בר-יוחנא, וואָס די טיפסטע טיפענישן מיט די קנעכל פון זיַינע פיס מעסט ער אויס.

— און דאָס האָט ער פון אויוון: היט איַיך! היט איַיך! צו די מענטשן געשריגן?

— ער! זאָגט דער ראָב, ער! געוואָרנט זיי, ניט געהייסן...

— טער-ר-ר!! קנאַקן אויס אַלע פייגעלעך מיטאַמאָל, אַ גוטער איז ער בר-יוחנא, אַ גוטער-ר-ר!

און איין פֿייגעלע אַ לעבעדיקס, אַ פֿריילעכס, טאַנצט אויף איין פֿיסעלע אונטער, און זינגט זיך:

יויכ־יויכ־י ו ח נ ע
זיסער, גוטער!
היט מײַן טאַטן,
בענטש מײַן מוטער!

— מ־ר־ר־ר! כאַפּן די פֿייגעלעך ווידעראַמאָל אונטער, און דער ראָב זאָגט:

— יאָ, אַ גוטער איז ער ב ר ־ י ו ח נ ע, און אויף גוטן האָט ער די מענטשן געראָטן, נאָר

וואָס טויג דאָס זיסע ווייצעלע?
ניטאָ ווער זאָל עס קלויבן!
וואָס טויג דאָס קלוגע ע צ ה ל ע?
ניטאָ ווער זאָל עס לויבן!

אַ גוטער איז ער ב ר ־ י ו ח נ ע, און אויף גוטן האָט ער די מענטשן געראָטן, האָבן זיי אָבער ניט געפֿאָלגט...

— ניט געפֿאָלגט? פֿאַרוואָס?

— ווײַל פֿון די גרויסע שווימערס זענען זיי געווען, און ווי אַ שווימער איז ער אַ באַרימער, ווי די קאַטשקע.

האָבן זיי, די שווימערס זיך באַרימט:

— מירן זיך, זאָגן זיי, אין די טיפֿע טיפֿעניש אַראָפּלאָזן, די האַק אַרויסבאַקומען, און מיט איר זיך אין ב ר ־ י ו ח נ ע פֿאַרמעסטן! וועל מיר זיך אַ נאָמען אויף דער וועלט מאַכן!...

געזאָגט און אין י ם אַרײַנגעשפּרונגען, באַלד איז אַ גרויסער שטורעם־ווינט געוואָרן, פֿון אַלע עקן וועלט האָבן די פֿינצטערע אָדלערס אָנגעיאָגט און זייערע פֿליגל, די גרויסע ווי די נאַכט, האָבן זיי איבערן הימל פֿאַרשפּרייט.

און די בלינדע אויגן פֿון די פֿינצטערע אָדלערס האָבן זיך געעפֿנט, און סע האָט געבליצט און געדונערט, און כוואַליעס ווי די בערג האָבן זיך ביז צום הימל געהויבן, און די שיף האָבן זיי אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט.

נאָכדעם האָט ב ר ־ י ו ח נ ע — געלויבט איז ער — מיט זײַנע פֿליגל אַ לינדן פֿאָך געטון, האָט אַ שטיל ווינטעלע געבלאָזן, זענען די וואַסערן שטיל געוואָרן און די שיף האָבן זיי אויף די בערג אַ ר ר ט אויסגעשפּיגן, אַלע די שווימערס זענען דערטרונקען געוואָרן, נאָר אײנער פֿון זיי איז אין דער שיף געבליבן — ב ר ־ י ו ח נ ע ס וואונדער צו דערציילן.

די מ ע ש ה פֿון דער דערטרענקעניש האָבן די מענטשן אין זייערע הייליקע ס פֿ ר י ם פֿאַרשריבן; ס'הייסט בײַ זיי „מ ב ו ל".

— וויאַזוי? וויאַזוי? פֿרעגן די פֿייגעלעך.

— „מבול!" זאָגט דער ראָב, שווער פֿאַר אײַך! איר וועט דאָס ניט נאָכזאָגן.

— מי, בי, פֿי! פּרוווט איינס.

— קי, קי, קי! צעלאַכט זיך אַ צווייטס.

— שאַ, שאַ, דו שקאָץ! שרײַט אויף אים אָן דער ראָב שטרענג און גיט אים אַ גרינגן פּיק אין קעפּעלע, מענטשן טרענקען זיך און אים איז פֿריילעך! לאַכט גאָר!

די פֿייגעלעך זענען אומעטיק געוואָרן.

און דער ראָב האָט געזאָגט: „און נאָך אַ מעשה האָט אין יענער נאַכט דער חול איבערגעגעבן"...

— וויל מיר הערן! וויל מיר הערן! האָבן זיך די פֿייגעלעך אויפֿגעמונטערט.

און דער ראָב האָט דערציילט.

ד.

— אַמאָל האָבן זיך די מענטשן אַ הויכן טורעם געבויט, אַ טורעם ביזן הימל; צו בר-יוחנע געוואָלט דערגרייכן; ליכטיקע פֿעדערן פֿון זײַנע פֿליגל געוואָלט אויסרײַסן און פֿאַר געלד פֿאַרקויפֿן!

— געלד? געלד? פֿרעגן די פֿייגעלעך, וואָס הייסט געלד?

— ווער קען וויסן? ס'איז אַ סוד! מענטשן האָבן אַ טבע זייער געלד צו באַהאַלטן... נאָר אַ קאַנאַריקל, וואָס איז בײַ זיי אַ גאַנץ יאָר אין אַ שטײַגעלע געזעסן און דערנאָך אויף דער פֿרײַ זיך אויסגעריסן, האָט מיר דערציילט, אַז ס'האָט אַליין געזען דאָרטן אין שטוב עפּעס אַ שוואַרצע זאַך זיך אַרומדרייען, אַ שוואַרצע זאַך מיט גרינע אייגעלעך און שאַרפֿע נעגעלעך. בײַנאַכט, ווען מ'פֿלעג דאָס פֿײַער אויסלעשן, און אַלע אין שטוב האָבן זיך שלאָפֿן געלייגט, דעמאָלט, אין דער פֿינצטערניש, פֿלעגן זיך בײַ דער שוואַרצער זאַך די גרינע אייגעלעך אָנצינדן — אַ פּחד! די גאַנצע וועלט צו פֿאַרברענען! טויט אין אַלע ווינקעלעך פֿאַרשפּרייט!... איך מיין: אויב דאָס איז ניט געווען קיין ווילדע קאַץ, איז דאָס אַוודאי געלד... יאָ, יאָ, געלד... איך האָב דערצו אַ ראיה...

— וואָס פֿאַר אַ ראיה? זענען די פֿייגעלעך נײַגיריק צו וויסן.

— כ'האָב אַמאָל געשמועסט מיט אַ שלאַנג, וואָס האָט זיבן יאָר אין אינדיען בײַ אַ פֿאַקיר געלעבט. זי האָט בײַ אים חכמה געלערנט. דער פֿאַקיר פֿלעג איר מויל צו זיך אין מויל אַרײַננעמען, און מויל צו מויל איר טיפֿע סודות אַנטפּלעקט.

האָט מיר די שלאַנג אַזוי געזאָגט:

— אַז ווּעסט זען אַ זאַך, וואָס בײַ דער ליכטיקער שײַן איז דאָס פֿינצטער און בײַ דער פֿינצטערער נאַכט איז דאָס ליכטיק, זאָלסטו וויסן אַז דו

זעסט: אָדער אַ גליווערעמל, אָדער פֿאַרפֿוילט האָלץ, אָדער חכמה פֿון נאַ-ראָנים, אָדער געלד...

— טיף, טיף, טיף! שוויפּטשען די פֿייגעלעך, אַ טיף וואָרט.

— אַוודאי! זאָגט דער ראָב, אַז איר וועט עלטער ווערן, וועט איר דאָס ערשט רעכט פֿאַרשטיין...

— און נאָכוואָס טויג די מענטשן די דאָזיקע שוואַרצע זאַך מיט די אייגעלעך, וואָס ברענען אין דער פֿינצטער? ווילן די פֿייגעלעך וויסן.

— דאָס, ליבע פֿייגעלעך, האָבן אונדז מענטשן ניט דערציילט; נאָר ווייסן ווייס איך, אַז מענטשן האָבן די דאָזיקע שוואַרצע זאַך זייער ליב. פֿאַר געלד וועט אַ מענטש אַמאָל אַפֿילו דאָס לעבן אַוועקגעבן!

— אַפֿילו דאָס לעבן?

— יאָ! דאָס קאַנאַריקל, וואָס האָט זאָרטן ביי זיי אין שטוב אַ גאַנץ יאָר געלעבט און דערנאָך זיך אויף דער פֿריי אַרויסגעריסן, האָט מיר דערציילט אַז אַלע אין שטוב, פֿון קליין ביז גרויס, האָבן די שוואַרצע זאַך ליב געהאַט. קליינוואַרג פֿלעג זיך דערמיט שפּילן און טאַנצן; מיטן באַלעבאָס איז דאָס אויף איין געלעגער געשלאָפֿן; די באַלעבאָסטע פֿלעג דאָס צום האַרץ טוליען, כאָטש אַלע פֿלעג דאָס צעגראַבלען...

— משוגעים! פּסקעט אַ פֿייגעלע.

— אַבי מע זאָגט, אַז אַ מענטש איז קלוג! גיט צו אַ צווייטס.

— ע! זאָגט דער ראָב, קלוגער אַ קאַטשקע איז ער אַוודאי... נאָר מע כאַפּט ניט איינס אין אַנדערן; וועגן דער קאַטשקע וועל איך אייך שפּעטער דערציילן... ווו-זשע האַלטן מיר?

— ביים טורעם.

— האָבן די מענטשן אַ הויכן טורעם געבויט. געבויט, געבויט, אָט-אָט דעם הימל דערגרייכט. פּלוצים — קאַר, קאַר, קראַך!

בר-יוחנע האָט אין זיי דאָס מינדסטע איי פֿון זיין נעסט געוואָרפֿן. איז דער גאַנצער טורעם איינגעפֿאַלן. דער טורעם איז איינגעפֿאַלן און אַסך, אַסך שטעט זענען אונטער אים חרוב געוואָרן. אַזויפֿיל שטעט, וויפֿיל אויף אַ בוים מיט פֿייגעלעך — פֿליגעלעך און אייגעלעך, פֿיסעלעך און נעגעלעך!

— פּי, פּי, פּי! שרייען די פֿייגעלעך.

— ווייסט איר שוין ווער בר-יוחנע איז? זאָגט דער ראָב. איצט מיינע פֿייגעלעך, ליפֿטערט זיך דורך די פֿליגעלעך און קומט צוריק וועל איך אייך דערציילן וויאַזוי בר-יוחנע האָט די וועלט באַשאַפֿן.

— טשער, טשער, טשער-ר-ר! זענען זיך די פֿייגעלעך מיט אַ געזאַנג צעפֿלויגן.

קעגן אַ האַלבער שעה האָבן די פֿייגעלעך אויפֿן פֿרייען פֿעלד געשטיפֿט. אין דער בלאָער לופֿט ריידעלעך געמאַכט, אין „איגל-ביגל” און אין „פּיק-

צוריק״ זיך געשפּילט, און לעבעדיק און פרײלעך און פאַרסאַפּעט צום ראַב אױפן בוים צוריקגעקומען, שטיל, געהאַרכזאַם זיך אױסגעזעצט, און דער ראַב האָט װידער אָנגעהױבן.

ה.

און אָנגעהױבן האָט דער ראַב מיט אַ שאלה:

— קינדערלעך! פונװאַנען קומט אַ פײגעלע אַרױס?

— פון אַן אײעלע!

— און דאָס אײעלע פונװאַנען?

— פון אַ פײגעלע!

— און דאָס פײגעלע?

— פון אַן אײעלע!

— אַן אײעלע פון אַ פײגעלע, אַ פײגעלע פון אַן אײעלע, זאָגט דער ראַב, אָבער װאָס פריער? צום אַלעם ערשטן װאָס? צום אַלעם ערשטן דאָס אײעלע! און דאָס אײעלע פון װאָס? דאָס אײעלע פון די פינצטערע בערג...

אַמאָל, אַמאָל, נאָך פאַרן ערשטן אײעלע, זענען פינצטערע בערג געװען; פינצטערע, פאַרשלאָפענע בערג און גאָרניט מער! און איבער די פינצטערע בערג האָט בר־יוחנע אַרומגעשװעבט. װי אַן אָדלער זײַן נעסט באַװאַכט, איבער זײַנע פײגעלעך ציטערט ער, אַזױ האָט בר־יוחנע — געלױבט איז ער — איבער זײַנע בערג געציטערט, געפלאַטערט.

מיטאַמאָל איז אױף די קעפּ פון די בערג אַ ליכטיקײט געפאַלן!

אין בר־יוחנעס אױגן האָט זיך אַ פײַערל אָנגעצונדן און דאָס פײַער פון בר־יוחנעס אױגן האָט די שפּיצן פון די פאַרשלאָפענע בערג באַלױכטן. האָבן זיך די בערג פון שלאָף אױפגעכאַפּט.

האָט בר־יוחנע אַ זאָג געטון: „זאָלן זיך פאַרזאַמלען אַלע פינצטערע בערג אױף אײן אָרט, און אײן גרױס אײ זאָל פון זײ װערן!״

און ס'איז אַזױ געװאָרן.

אַלע פינצטערע בערג האָבן זיך אױף אײן אָרט פאַרזאַמלט, און אײן אײ איז פון זײ געװאָרן:

דאָס ערשטע אײעלע!...

האָט בר־יוחנע — געלױבט איז זײַן נאָמען — דאָס אײ מיט זײַן שנאָבל צעשפּאַלטן, איז אין אים געװען אַ װײַסל, אײן גרױס געלעכל מיט אַ בלוטסטראָפּן און אַ סך, אַ סך קלײנע געלעכלעך.

פון דער אײבערשטער העלפט װײַסל האָט ער דעם הימל באַשאַפן, פון דער אונטערשטער — דעם ים, פונעם גרױסן געלעכל — די גילדענע זון, פון די קלײנע געלעכלעך—די לבנה מיט די שטערן, פון דער האַרטער שאָלעכץ— די ערד מיט אַלע אירע באַשעפענישן און פונעם בלוטסטראָפּן — דעם מענטשן.

דערנאָך האָט בר־יוחנע אַ קוק געטון און דערזען: אײן פינצטערער באַרג איז געבליבן!

ווען בר־יוחנע האָט באַפוילן: „אַלע פינצטערע בערג, זאַמלט אײַך צונויף!“ האָט ער ניט געהערט; ער האָט פאַרשלאָפן...

איז בר־יוחנע אויף אים בייז געוואָרן און געזאָגט:

— פינצטערער באַרג! ווײַל אויף דײַן אָרט ביסטו שטיין געבליבן, ווען אַלע דײַנע ברידער האָבן זיך צום גרויסן שאַפן פאַראייניקט, דערפאַר נע ונד זאָלסטו זײַן! אומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט זאָלסטו, און קיין רו זיך קיינמאָל ניט געפינען!

באַלד דערויף האָט בר־יוחנע אַ פאָך געטון מיט זײַנע פליגל, זענען גרויסע ווינטן געוואָרן, האָבן די ווינטן דעם באַרג אַ כאַפּ געטון און אים אויף שטיקער צעריסן. זענען פון די פינצטערע שטיקער, אָדלערס געוואָרן, פינצטערע אָדלערס וואָס וואַנדערן אייביק!

האָבן די פינצטערע אָדלערס געוויינט פאַר בר־יוחנע און געזאָגט:

— גרויס איז אונדזער זינד, ניט צו פאַרטראָגן! צום גרויסן שאַפן האָבן מיר זיך ניט פאַראייניקט פאַראומערט און פאַרפינצטערט זענען מיר געבליבן; קיין רו וועל מיר זיך ניט געפינען, און אייביק וועל מיר וויינען!

האָט בר־יוחנע רחמנות באַקומען און געזאָגט: „דערפאַר וועלן אײַערע טרערן אויף דער ערד פאַלן און זי דערפרישן און באַפרוכפערן, און נײַע שאַפונגען פון איר שויס אַרויסברענגען“.

איז אַזוי געוואָרן.

אַז די פינצטערע אָדלערס וויינען פאַר גרויס חרטה און בענקשאַפט נאָך שאַפונג, פאַלן זייערע טרערן אויף דער ערד, שלינגט די ערד די טרערן, וואַקסן פון איר שויס נײַע שאַפונגען אַרויס: תבואות, ביימער, גראָזן, רויזן, בלומען.

בענטשט די ערד די אָדלערס.

ענטפערן די אָדלערס אויף אַ קול: „אָמן!“

— דאָס איז דער דונער? פרעגן די פייגעלעך.

— יאָ, זאָגט דער ראָב, דאָס איז דער דונער.

— און וואָס־זשע איז דער בליץ? פרעגן ווידער די פייגעלעך.

— דער בליץ, דאָס איז דאָס ערשטע ליכט וואָס האָט זיך צום ערשטן אין בר־יוחנעס אויגן אָנגעצונדן; דאָס ליכטיקייט וואָס האָט די שפּיצן פון די בערג באַלויכטן ווען בר־יוחנע — געלויבט איז ער — האָט נאָרוואָס פאַרטראַכט די וועלט צו באַשאַפן.

— ווי־זשע קומט דאָס ליכטיקייט צו די פינצטערע אָדלערס?

— בר־יוחנע מיט זײַן גרויס רחמנות האָט דעם בליץ די פינצטערע אָדלערס געשענקט, כדי די וועלט זאָל זיך פאַר די פינצטערע אָדלערס ניט שרעקן...

אַז די פינצטערע אָדלערס וועלן אָניאָגן אין זייערע פליגל, די גרויסע ווי די נאַכט, איבער דער וועלט וועלן זיי פאַרשפּרייטן, און די קוואַלן פון די

בלינדע אויגן װעלן זיך עפֿענען, און טרערן, טײַכן טרערן, װעלן די אָדלערס איבער דער װעלט גיסן, װײַל זײ האָבן די ר ג ע פֿון גרויסן שאַפֿן פֿאַרשלאָפֿן. װעט פּלוצים פֿון זײערע אויגן דאָס ליכט פֿון שאַפֿונג אַרויסבליצן; אַ ס י מ ן, אַז פֿון דעם פֿינצטערניש און פֿון די טרערן װעט שאַפֿונג און ב ר כ ה קומען, אַ נײַ לעבן שפּראָצן...

— און קוקו האָט מ ו ר א פֿאַרן בליץ! זאָגט אײן פֿײגעלע אַנװײַזנדיק מיטן פֿליגעלע אופֿן ח ב ר ל.

— קו, קו! קו, קוק! קוק אים אָן! אַ ח כ ם! זאָגט דער קוקו פֿאַר-שעמט, ל מ אַ י האָסטו מ ו ר א פֿאַרן דונער, ל מ אַ י?

— איך... איך... איך װעל שוין קײנמאָל ניט מ ו ר א האָבן פֿאַרן דונער...

— און איך װעל שוין קײנמאָל ניט מ ו ר א האָבן ניט פֿאַרן דונער און ניט פֿאַרן בליץ! פֿאַרזיכערט דער קוקו.

— מיר אַלע! מיר אַלע! שרײַען די פֿײגעלעך פֿרײלעך, מיר אַלע װעלן ניט מ ו ר א האָבן! זאָל דונערן! זאָל בליצן! זאָל אַ לעבן קומען! זאָל אַ נײַ לעבן שפּראָצן! צװיץ! צװיץ! צװיץ!

און זײ קושן, די פֿײגעלעך, מיט די פּיסקעלעך אין גרינעם „ביכעלע” און זײ פּליעסקען מיט די פֿליגעלעך און זײ זינגען:

אויף, אויף, אויפֿן בוים, אויף גרינעם,
אויף, אויף צװײַגעלע, אויף דינעם,
אויף, אויף, אויפֿן סאַמע שפּיץ
טאַנצט אַ שטערן אויף אַ בליץ...
לאָמיר זינגען! צװיץ! צװיץ! צװיץ!
צװיץ! צװיץ! צװיץ!

און דער ראָב האָט צעלאָזט די פֿײגעלעך אַהײם ביז מאָרגן אינדערפֿרי.

TIP. „LUPTA MOLDOVEI“, IAȘI, STR. ȘTEFAN CEL MARE 50-52